# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:51
מוצאי שב"ק.....................9:20

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.......................שופטים ה'-ו'
בבלי.......................זבחים קי"ג
ירושלמי.....................ברכות א'
תוספתא..........סנהדרין פרק ד'
רמב"ם.....................שבועות ג'

פרשת עקב, כ"ג אב, מברכים חודש אלול, שנת תשע"ח לפ"ק, אבות פרק ד' — שנה 7, גליון 45 (356)

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה** וְגוֹ' **וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ** וְגוֹ'. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: אוֹיב דִי אִידְן וֶועלְן זַיין וואוֹיל, וֶועט עֶר זֵיי גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן. רַשִ"י זָאגְט, **אִם הַמִּצְוֹת קַלּוֹת שֶׁאָדָם דָּשׁ בַּעֲקֵבָיו תִּשְׁמְעוּן**, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן עֶם מִיט דִי פִּיס, דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן דִי גוּטֶע זַאכְן. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס זֶענֶען דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן צוּטְרֶעטְן מִיט דִי פִּיס?

מוֹהַרְא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער בַּעַל הַטוּרִים זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק, וָואס זָאגְט דְרֵיי לְשׁוֹנוֹת, **תִּשְׁמְעוּן, וּשְׁמַרְתֶּם, וַעֲשִׂיתֶם**, אַז דָאס אִיז קֶעגְן **מִקְרָא, מִשְׁנָה און גְמָרָא**, דִי דְרֵיי הוֹיפְּט לִמּוּדִים, וָואס אַ אִיד דַארְף לֶערְנֶען.

בֶּאֱמֶת לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג, מֶען מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין יֶעדֶע סֵפֶר, און מֶען לֶערְנְט עֶס אִין אַ סֵדֶר, און אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט עֶס אִיז זִיכֶער גוּט, און אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאגְט מֶען בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, און וֶוען מֶען זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, וֶועט מֶען עֶס צוּם סוֹף פַארְשְׁטֵיין.

קוּמְט אוֹיס אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, אַבִּיסְל גְמָרָא, אָבֶּער מֶענְטְשְׁן מַאכְן דָאס אַוֶועק "דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, לֶערְנֶען הֵייסְט נָאר וֶוען מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ אוֹיף אַמָאל, מִיטְן גְרֶעסְטְן עִיּוּן, צוּ פַארְשְׁטֵיין קְלָאר דִי זַאךְ". און דֶעמָאלְט קוּמְט אוֹיס אַז זֵייעֶר אַסַאךְ צֵייטְן לֶערְנְט מֶען בִּכְלַל נִישְׁט, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אֵייבִּיג לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, אָבֶּער וֶוען מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן און מֶען לֶערְנְט אֲפִילוּ נָאר אַבִּיסְל אוֹיף אַמָאל, און אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט. דֶעמָאלְט קוּמְט מֶען אָן זֵייעֶר אַסַאךְ.

דָאס זָאגְט רַשִ"י, **אִם הַמִּצְוֹת קַלּוֹת שֶׁאָדָם דָּשׁ בַּעֲקֵבָיו תִּשְׁמְעוּן**, אוֹיבּ מֶען וֶועט פָּאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן עֶם מִיט דִי פִּיס, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" וָואס אִיז אַ גְרִינְגֶע גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען און עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אָבֶּער מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן עֶם מִיט דִי פִּיס, מֶען מַאכְט עֶס אַוֶועק. אוֹיבּ אָבֶּער מֶען וֶועט עֶס יָא אַיינְהַאלְטְן, און דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק פַּרְשַׁת עֵקֶב תשס"ח לפ"ק)

***

נָאךְ אַ פְּשַׁט זָאגְט מוֹהַרְא"שׁ לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"ט), **וְהָיָה** אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שִׂמְחָה (בַּמִּדְבָּר רַבָּה פ"ג ס"ה). **וְהָיָה** - אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק פְּרֵיילִיךְ, אַז, **עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן** - אֲפִילוּ דִי פִּיס וֶועלְן הֶערְן, דָאס מֵיינְט אַז מֶען וֶועט זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דִי פִּיס וֶועלְן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה, **וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית** - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין זֶעהְן אַז מֶען זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן מִיט שְׁמִירַת הַבְּרִית, וַוייל דִי עֲבֵירוֹת קוּמֶען נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג, אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְּרֵיילִיךְ וֶוערְט עֶר נִיצוֹל פוּן עֲבֵירוֹת.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) **"מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד"**, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ, וָואס דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלֶעכְטְס.

דָאס זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מֶען זָאל זֶעהְן צוּ אָפְּהִיטְן דִי מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן צוּטְרֶעטְן מִיט דִי פִּיס, דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן שִׂמְחָה, פוּן זַיין פְּרֵיילִיךְ, וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן עֶס אַוֶועק, אוֹיבּ אָבֶּער וֶועט מֶען זִיךְ יָא שְׁטַארְקְן צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ וֶועט מֶען הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס.

(זֹאת הַתּוֹרָה עֵקֶב א')

## מוֹהַרְא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי

חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י"ז.), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט אַ גְרֶעסֶערֶע שְׂכַר פַאר דִי פְרוֹיעֶן וִוי פַאר דִי מֶענֶער. פַארְוָואס בַּאקוּמֶען דִי פְרוֹיעֶן אַזַא גְרוֹיסֶע שְׂכַר? וַוייל זֵיי הֶעלְפְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, זֵיי זֶענֶען מְחַזֵק און זֵיי שְׁטַארְקְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער אַז זֵיי זָאלְן זַיין וואוֹיל און עֶרְלִיךְ, און דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, און אוֹיךְ וַוייל זֵיי טְרָאגְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִין חֵדֶר צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס שְׁטֵייט צוּ אִיר מַאנְ'ס זַייט, זִי קוּקְט אַרוֹיף דָאס גוּטְס פוּן אִים, זִי קוּקְט אַרוֹיף דָאס וָואס עֶר שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ גֵיין לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען און צוּ זַיין וואוֹיל און עֶרְלִיךְ, און זִיכֶער רֶעדְט זִי אִים נִישְׁט אָפּ און זִי מַאכְט נִישְׁט אַוֶועק זַיינֶע גוּטֶע זַאכְן. מִיט דֶעם וָואס זִי אִיז מְחַזֵק אִיר מַאן, וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ פוּנְקְט אַזַא גְרוֹיסֶע שְׂכַר וִוי אִים, זִי וֶועט זִיךְ טֵיילְן מִיט זַיין חֵלֶק אִין גַן עֵדֶן, און עֶס וֶועט אִיר זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וֶוען מֶען זָאגְט אַז דִי פְרוֹי טֵיילְט זִיךְ מִיט דִי שְׂכַר פוּן אִיר מַאן, מֵיינְט דָאס נִישְׁט אַז יֶעדֶער פוּן זֵיי וֶועט נָאר בַּאקוּמֶען הַאלְבּ. אַז מִיט דֶעם וָואס זִי הֶעלְפְט אִיר מַאן, וֶוערְט אַרָאפְּגֶענוּמֶען אַ חֵלֶק פוּן זַיין שְׂכַר און מֶען גֶעבְּט עֶס פַאר דִי פְרוֹי. דָאס אִיז אַ טָעוּת. חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כ"ד.) אַז דִי מַאן און פְרוֹי זֶענֶען וִוי אֵיין

<<<<<<

## א גוט ווארט

אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן, נֶעמְט זִיךְ פוּן עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה; עַצְבוּת פַארְמַאכְט דֶעם מֹחַ מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י): "מַה שֶׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת, וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן", פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ און זֶענֶען נִישְׁט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת - מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּן תַּכְלִית.

זָאגְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת, און צוּ אַ קְלָארֶע מֹחַ צוּ וִויסְן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט? "אַךְ דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ. רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ; כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת, בִּבְחִינַת: "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", שֶׁעַל יְדֵי שִׂמְחָה נַעֲשִׂין בֶּן חוֹרִין, וְיוֹצְאִין מִן הַגָּלוּת", אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּשִׂמְחָה אִיז עֶר אַ פְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ און דֶער מֹחַ אִיז אִים נִישְׁט מְצוּמְצָם, אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת און מֶען וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' עֵקֶב תשע"ח)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## אִיךְ ווִיל הָאבְּן קִינְדֶער, זָאל אִיךְ פָּארְן קַיין אוּמַאן?

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ ווִיל בַּאדַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַּארְ'ן אַרוֹיסְגֶעבְּן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר דִי שִׁיעוּרִים אוּן דָאס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִיזּוּק. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס שִׁיעוּרִים הָאבְּן מִיךְ גֶעמַאכְט לֶערְנֶען אַסַאךְ מֶער ווִיפִיל אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט בֶּעפָאר, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דָאס מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אָנְצוּהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאט אוֹיפְגֶעהֶערְט דָאס צוּ טוּן, וַוייל אִיךְ פְּלֶעג דָאס נִישְׁט קֶענֶען עֶנְדִיגְן בְּמֶשֶׁךְ פְרַייטָאג אוּן שַׁבָּת. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַאכְן אַ סִיּוּם אוֹיף גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אַ דַאנְק דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט בַּיי אֵיינֶע פוּן דִי שִׁיעוּרִים - חַסְדֵי הַשֵּׁם!

אִיךְ בִּין שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט 13 יָאר, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעטוּן אַלֶע סָארְט סְגוּלוֹת, אָבֶער אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער. פַאר צְוֵויי יָאר צוּרִיק בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם לַ"ג בָּעוֹמֶר בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מִיט מַיין וַוייבּ אִין מִירוֹן, אָבֶער בִּיזְדֶערְוַוייל הָאבְּן מִיר נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען אַ יְשׁוּעָה. אִיךְ קֶען נִישְׁט מַחְלִיט זַיין צִי אִיךְ זָאל דֶעם קוּמֶענְדִיגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה נָאכְאַמָאל פָארְן קַיין אוּמַאן אָדֶער נִישְׁט, ווִיל אִיךְ בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר הֶעלְפְן מַחְלִיט זַיין וָואס אִיךְ זָאל טוּן.

**הַצְלָחָה רַבָּה אוּן נָאכְאַמָאל אַ יְיַשֵּׁר כֹּחַ, יַעֲקֹב**

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

**יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד יַעֲקֹב נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק יח): "פַּעַם אַחַת הָיִיתִי עוֹבֵר מִמָּקוֹם לְמָקוֹם, וּמְצָאַנִי אָדָם אֶחָד, וְאָמַר לִי: רַבִּי, מִפְּנֵי מָה בַּעֲלֵי בָּתִּים שֶׁל יִשְׂרָאֵל נֶעֱצָרִים עַל בָּנִים מִהְיוֹת לָהֶם?" אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא

<<<<<<

>>>>>>

מֶענְטְשׁ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"ה) אַז אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען דִי נְשָׁמָה פוּן אַ מַאן אוּן וַוייבּ, אֵיין נְשָׁמָה. נָאר וֶוען דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוערְט עֶס צוּטֵיילְט אִין צְוֵויי גוּפִים, פַאר דִי מַאן אוּן פַאר דִי וַוייבּ. קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען זֵיי הֶעלְפְן זִיךְ אַרוֹיס אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, זֵיי לֶעבְן צוּזַאמֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם, בַּאקוּמֶען בֵּיידֶע דִי זֶעלְבֶּע שְׂכַר אִינְאֵיינֶעם.

דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (תַּעֲנִית כ"ה.) אוֹיף רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרֶעם, אוּן זַיין וַוייבּ הָאט גֶעמוּטְשֶׁעט אַז עֶר זָאל עֶפֶּעס טוּן דֶערְצוּ, אַז עֶר זָאל בֶּעטְן אַבִּיסְל פוּן זַיין שְׂכַר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל אִים גֶעבְן עֶפֶּעס, אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַזוֹי ווִי אַ הַאנְט וָואס הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ גָאלְדֶענֶער פִּיסְל. שְׁפֶּעטֶער הָאט זִי גֶעזֶען אִין חָלוֹם ווִי אַלֶע צַדִּיקִים זִיצְן אִין גַן עֵדֶן בַּיי אַ טִישׁ פוּן דְרַיי פִּיס, אוּן זֵיי הָאבְּן נָאר אַ טִישׁ פוּן צְוֵויי פִּיס. הָאט זִי אִים גֶעהֵייסְן אַז עֶר זָאל צוּרִיק גֶעבְן דֶעם פִּיסְל, וַוייל זִי ווִיל נִישְׁט אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן וֵוינִיגֶער אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט דָאס צוּרִיק גֶעגֶעבְּן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זֶענֶען דִי מַאן אוּן פְרוֹי אִינְאֵיינֶעם אִין גַן עֵדֶן, זֵיי זִיצְן צוּזַאמֶען בַּיי אֵיין גָאלְדֶענֶעם טִישׁ, זֵיי בַּאקוּמֶען דִי זֶעלְבֶּע שְׂכַר אִינְאֵיינֶעם, וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תִּקּוּנֵי זֹהַר תִּיקּוּן י"ד) אַז אַ פְרוֹי הֶעלְפְט אַרוֹיס דֶעם מַאן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס דַארְף נִישְׁט אַזוֹי זַיין אַז אַ פְרוֹי זָאל שְׁפִּירְן אַז זִי הֶעלְפְט אִיר מַאן אוּן דֶער מַאן זָאל שְׁפִּירְן אַז עֶר הֶעלְפְט אַרוֹיס זַיין וַוייבּ. וַוייל וֶוען עֶס הֶערְשְׁט אַ רִיכְטִיגֶע שָׁלוֹם אִינְדֶערְהֵיים, וֶוען דִי פָּאר-פָּאלְק הָאבְּן זִיךְ אֱמֶת'דִיג לִיבּ, שְׁפִּירְט יֶעדֶער פוּן זֵיי אַז זֵיי הֶעלְפְן זִיךְ אַלֵיין, זֵיי לֶעבְן אִינְאֵיינֶעם מִיט אֵיין צִיל, אַזוֹי ווִי זֵיי זֶענֶען אֵיין מֶענְטְשׁ, יֶעדֶער שְׁפִּירְט אַז מִיט דֶעם וָואס מֶען הֶעלְפְט דֶעם צְוֵוייטְן הֶעלְפְט מֶען זִיךְ אַלֵיין. דָאס אִיז אַן אֱמֶת'עֶ אוּן רִיכְטִיגֶע לִיבְּשַׁאפְט.

חַזַ"ל זָאגְן (גִיטִּין צ.) אַז דִי בֵּית הִלֵּל הַאלְטְן אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ פְרוֹי הָאט נָאר פַארְבְּרֶענְט דָאס עֶסְן פוּנֶעם מַאן, מֶעג עֶר אִיר שׁוֹין גֶט'ן. דָאס אִיז זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט. פַארְוָואס זָאל מֶען גֶט'ן אַ וַוייבּ וַוייל זִי הָאט פַארְבְּרֶענְט דָאס עֶסְן? עֶס מַאכְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אַז עֶסְן וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ, דָאס וַוייזְט נִישְׁט אוֹיף קַיין שְׁלֶעכְטְקֵייט.

נָאר וֶוען מֶען וֶועט גוּט קוּקְן וָואס דִי הֵיילִיגֶע חַזַ"ל זָאגְן, וֶועט מֶען זֶען אַז זֵיי זָאגְן נִישְׁט אַז זִי הָאט פַארְבְּרֶענְט "דִי" עֶסְן, עֶס שְׁטֵייט אַז זִי הָאט פַארְבְּרֶענְט "זַיין" עֶסְן. דָאס מֵיינְט אַז פַאר אִיר אַלֵיין הָאט זִי גוּט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְן אַז דָאס עֶסְן זָאל נִישְׁט פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן, אוּן דִי פַארְבְּרֶענְטֶע חֲלָקִים גֶעבְּט זִי נָאר פַאר אִים. דָאס וַוייזְט שׁוֹין יָא אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת.

וַוייל אִין שְׁטוּבּ דַארְף הֶערְשְׁן אַן הַארְמָאנְיֶע, מֶען לֶעבְט אִינְאֵיינֶעם. אוֹיבּ אִיז דָא גוּטֶע זַאכְן, טֵיילְן זֵיי זִיךְ בֵּיידֶע מִיט דֶעם. אוּן אוֹיבּ אִיז דָא חַ"ו אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, טֵיילְן זִיךְ בֵּיידֶע מִיט דִי צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ. אוֹיבּ דָאס עֶסְן אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן אִיז דָאס דִי שָׁאדְן פוּן בֵּיידֶע. אוּן מִיט דֶעם וָואס זִי גֶעבְּט נָאר פַאר אִים דָאס פַארְבְּרֶענְטֶע אוּן פַאר זִיךְ נֶעמְט זִי דִי גוּטֶע, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז זִי טוֹיג נִישְׁט.

אוּן פַארְקֶערְט אִיז דָאךְ זִיכֶער, אַז וֶוען מֶען לֶעבְט יָא אִינְאֵיינֶעם, מֶען טֵיילְט זִיךְ מִיט יֶעדֶע זַאךְ, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז אִין דֶעם הוֹיז לֶעבְט מֶען מִיט גוּטֶע מִדּוֹת, דָארְט הֶערְשְׁט אַן אֱמֶת'עֶ שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן אַזוֹי ווִי זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעטֵיילְט אוֹיף דִי וֶועלְט, וֶועלְן זֵיי זִיךְ אוֹיךְ טֵיילְן מִיט זֵייעֶר גְרוֹיסֶע שְׂכַר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וֶוען דֶער צַדִּיק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע מֵרִימְנוֹב זי"ע אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַ אִינְגֶערְמַאן, אִיז עֶר גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט אַ גַאנְצְן טָאג אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ. זַיין וַוייבּ הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ אוּן זִי הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אַז עֶר זָאל קֶענֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זִי פְלֶעגְט אִים בְּרֶענְגֶען יֶעדְן טָאג צוּ עֶסְן אִין שׁוּל, אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען.

אֵיין טָאג וֶוען זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם בֶּעקֶער קוֹיפְן אַ בְּרוֹיט פַאר אִיר מַאן, הָאט דֶער בֶּעקֶער אִיר מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְן אוֹיף בָּארְג, נָאכְדֶעם וָואס זִי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען שׁוּלְדִיג אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן אַזוֹי אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ אַ טָאג וָואס זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט בְּרֶענְגֶען צוּ עֶסְן פַאר אִיר מַאן. וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען דֶער דְרִיטֶער טָאג, הָאט זִי זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן זִיךְ אִיז נָאכְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען בֶּעטְן דֶעם בֶּעקֶער אַז אִיר זָאל אִיר גֶעבְן נָאךְ אֵיין בְּרוֹיט אוֹיף בָּארְג, וַוייל אִיר מַאן הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעגֶעסְן פַאר דְרַיי טֶעג. דֶער בֶּעקֶער הָאט אָבֶער בְּשׁוּם אוֹפֶן גֶעוָואלְט גֶעבְן נָאךְ אַ בְּרוֹיט, עֶר הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט אַז עֶר ווֵייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִי וֶועט אִים אַמָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן.

זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען, זִי הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים בֶּעקֶער אַז עֶר זָאל רַחֲמָנוּת אוֹיף אִיר אוּן אוֹיף אִיר מַאן. זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן ווִי אִיר מַאן הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעגֶעסְן פַאר דְרַיי טֶעג. דֶעמָאלְט הָאט אִיר דֶער בֶּעקֶער גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבְן אַ בְּרוֹיט, אָבֶער נָאר אוֹיבּ אִיר גֶעבְּט מִיר אַוֶועק אֵייעֶר גַאנְצֶער חֵלֶק אִין גַן עֵדֶן!"

אִין אָנְהוֹיבּ הָאט זִי מוֹרָא גֶעהַאט דָאס צוּ טוּן, אָבֶער צוּם סוֹף הָאט זִי מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּם גֶעשֶׁעפְט, אוּן זִי הָאט אִים אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן אַ צֶעטְל אַז זִי גֶעבְּט אִים אַוֶועק אִיר גַאנְצֶע גַן עֵדֶן, אוּן עֶר זָאל אִיר גֶעבְן אַ בְּרוֹיט. עֶר הָאט אִיר טַאקֶע גֶעגֶעבְּן אַ בְּרוֹיט אוּן זִי אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן מִיט אֵיין אָטֶעם צוּ טְרָאגְן דֶעם בְּרוֹיט פַאר אִיר מַאן אִין שׁוּל.

וֶוען זִי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל הָאט זִי גֶעזֶען אַז אִיר מַאן אִיז זֵייעֶר שְׁוַואךְ אוּן פַאר'חַלָּשְׁ'ט. גְלַייךְ וֶוען זִי הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט דָאס בְּרוֹיט, הָאט זִיךְ דֶער צַדִּיק גֶעוַואשְׁן אוּן גֶעגֶעסְן. עֶר הָאט אִיר גֶעזָאגְט: "זָאלְסְט ווִיסְן אַז וֶוען דוּ בְּרֶענְגְסְט וֶוען מִיר נִישְׁט יֶעצְט דֶעם בְּרוֹיט, וָואלְט אִיךְ רַחֲמָנָא לִיצְלָן אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פַאר הוּנְגֶער".

אִינְצְווִישְׁן הָאט זִי זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אוּן זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען. וֶוען אִיר מַאן הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס זִי וֵויינְט, הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ פַארְקוֹיפְט מַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא פַאר דִי אֵיינֶע בְּרוֹיט. אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט דַיין לֶעבְן, אָבֶער וָואס וֶועט יֶעצְט זַיין מִיט מִיר?" דֶער צַדִּיק הָאט אִיר בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ דַארְפְסְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט זָארְגְן, אִין דֶעם זְכוּת פוּן דַיין מְסִירַת נֶפֶשׁ, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גְרוֹיסְן שְׂכַר, אוּן דוּ וֶועסְט זַיין צוּזַאמֶען מִיט מִיר אִין גַן עֵדֶן".

יָארְן שְׁפֶּעטֶער וֶוען זִי אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן הָאט מֶען אִיר גֶעלֵייגְט אִינֶעם זֶעלְבְּן אוֹהֶל נֶעבְּן אִיר מַאן. כָאטְשׁ וָואס עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אֵיינְגֶעפִירְט אִין יֶענֶע צַייטְן צוּ לֵייגְן דִי רֶעבִּיצִין נֶעבְּן אַ צַדִּיק. דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ סִימָן אוּן אַ רֶמֶז אוֹיף דֶעם אַז זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין מִיט אִים אִינְאֵיינֶעם אִין גַן עֵדֶן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק פַאר אִיר מַאן. זִי אִיז אִים מְחַזֵּק אוּן שְׁטַארְקְט אִים, זִי הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס אַז עֶר זָאל קֶענֶען זַיין וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ, אַז עֶר זָאל רוּאִיגְערְהֵייט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט זַיין דַרְגָּה, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט זִי זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר אַ גְרוֹיסֶע שְׂכַר סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַאְ"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ אִשָּׁה וְעֶרֶךְ זְכוּת)

# דִי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן

### א

אוּם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, אִין יָאר תקל״ב לפ״ק, שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָואר‏ְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי; צוּ זַיין פָּאטֶער דֶער בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק רֶבִּי שִׂמְחָה זַ״ל, אַ זוּן פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ״ל, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶועןאַ תַּלְמִיד מוּבְהָק אוּן אַ בֶּן בַּיִת בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע; אוּן צוּ זַיין מַאמֶע דִי צַדֶיקֶת, בַּעֲלַת רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, מָרַת פֵיגָא ע״ה, אַ טָאכְטֶער פוּן דִי צַדֶיקֶת אָדְל ע״ה, אַ טָאכְטֶער פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע.

דֶעם רֶבִּינְ׳ס מַאמֶע פֵיגָא ע״ה אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוֶועסְטֶער מִיטְ׳ן צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה חַיִּים אֶפְרַיִם מִסְדִילְקוֹב זַ״ל, בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר ״דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם״, אוּן אוֹיךְ מִיטְ׳ן צַדִיק רֶבִּי בָּרוּכְ׳ל פוּן מֶעזִיבִּיזְשׁ זַ״ל.

### ב

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין הוֹיז פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע אִין מֶעזִיבִּיזְשׁ, אִין דֶעם שְׁטוּבּ וואוּ עֶר פְלֶעגְט אָפְּרֶעכְטְן זַיינֶע עֲבוֹדוֹת אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיידֶער דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, הָאט עֶר בַּאפוֹילְן אַז מֶען זָאל גֶעבְּן זַיין הוֹיז פַאר זַיין טָאכְטֶער אָדְל ע״ה. וַוייל זַיין זוּן, דֶער צַדִיק רֶבִּי צְבִי זַ״ל הָאט גֶעהַאט שֵׁיין פַּרְנָסָה אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַארְפְט דָאס הוֹיז. דֶערְנָאךְ, וֶוען אָדְל ע״ה אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן הָאט זִי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דָאס הוֹיז פַאר אִיר טָאכְטֶער מָרַת פֵיגָא ע״ה, וַוייל אִירֶע צְוֵויי זוּן הָאבְּן גֶעהַאט זֵייעֶר אֵייגֶענֶע רֶבִּיסְטֶווע אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעבְּרוֹיכְט הָאבְּן דָאס הוֹיז. אוּן אַזוֹי אִיז דָאס הוֹיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּינְ׳ס עֶלְטֶערְן, אִיר טָאכְטֶער מָרַת פֵיגָא ע״ה, מִיט אִיר מַאן רֶבִּי שִׂמְחָה זַ״ל.

### ג

לָאמִיר אָבֶּער צוּרִיקְמִישְׁן דָאס בְּלֶעטְל מִיט עֶטְלִיכֶע יָאר פְרִיעֶר, אִיבֶּערְצוּגֵיין דִי גַאנְצֶע הִשְׁתַּלְשְׁלוּת בִּיז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע הָאט גֶעהַאט צְוֵויי קִינְדֶער, זַיין אֵיינְצִיג זוּן רֶבִּי צְבִי זַ״ל, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים, ״עֶר הָאט אַ גְרוֹיסֶע נְשָׁמָה, אוּן עֶס פֶעלְט אִים גָארְנִישְׁט״, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט צְוֵויי קִינְדֶער, רֶבִּי אַהֲרֹן מִטִיטְיוֹב זַ״ל אוּן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל מִפָּאוְולִיטְשׁ זַ״ל. אוּן דֶערְנָאךְ הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע גֶעהַאט זַיין אֵיינְצִיגֶע טָאכְטֶער מָרַת אָדְל ע״ה, זִי אִיז אַלֶעמָאל גֶעוֶוען מִיט אִיר הֵיילִיגְן טַאטְן, אוּן אִיר טַאטֶע הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִיר אַז אִיר נְשָׁמָה קוּמְט פוּנֶעם אוֹצָר פוּן רֵיינֶע נְשָׁמוֹת, אוּן עֶר הָאט אִיר גֶענוּמֶען פוּן דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים ל״ג, ב׳) ״אֵשׁ דָת לָמוֹ״, וָואס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת ״אָדְל״. עֶר הָאט אִיר זֵייעֶר גֶעשֶׁעצְט אוּן מַחְשִׁיב גֶעוֶוען, עֶר הָאט אִיר גֶערֶעכְנְט וִוי פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים.

אֵיינְמָאל הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן פַארְוָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעהַאלְטְן פוּן זַיין טָאכְטֶער אָדְל, הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט, ״וַוייל זִי הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעבְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת, זִי אִיז שְׁטֶענְדִיג אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען מִיט אֵיין מַחְשָׁבָה, וִוי אַזוֹי קֶען זִי מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן״.

אִיר מַאן אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק, רֶבִּי יְחִיאֵל אַשְׁכְּנַזִי זַ״ל, מְ׳פְלֶעגְט אִים רוּפְן ״דֶער דַייטְשְׁל״ וַוייל עֶר הָאט גֶעשְׁטַאמְט פוּן דַייטְשְׁלַאנְד, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אִינְאֵיינֶעם צְוֵויי זוּן אוּן אֵיין טָאכְטֶער, וִוי גֶעשְׁרִיבְּן פְרִיעֶר.

### ד

אִין יֶענֶע צַייט, נָאכְדֶעם וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע אִיז נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּמֶען צוּ אִים פִילֶע תַּלְמִידִים, גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אוּן צְווִישְׁן זֵיי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶער תַּלְמִיד מִיטְ׳ן נָאמֶען רֶבִּי נַחְמָן פוּן דִי שְׁטָאט הוֹרִידֶענְקָא, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַארְ׳ן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע, עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים מַמָשׁ וִוי אַ בֶּן בַּיִת, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט אוּן פְלֶעגְט אִים שִׁיקְן אוֹיף וִויכְטִיגֶע שְׁלִיחוּת׳עֶר.

### ה

אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע דִי שְׁוֶועסְטֶער פוּנֶעם צַדִיק רֶבִּי יִצְחָק פוּן דְרוֹבְּהִיטְשׁ זַ״ל, אוּן זִי הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע אַז עֶר זָאל אִיר טְרֶעפְן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע אִיר פָארְגֶעשְׁלָאגְן צוּ נֶעמֶען פַאר אַ חָתָן זַיין בַּאלִיבְּטֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ״ל.

גְלַייכְצַייטִיג הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע אוֹיךְ גֶערֶעדְט מִיט זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער אִיבֶּער דֶעם שִׁידוּךְ, אוּן אַזוֹי אִיז דֶער שִׁידוּךְ גֶעשְׁלָאסְן גֶעוָוארְן בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת.

בַּיים שִׁידוּךְ שְׁלִיסְן הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע גֶעפְרֶעגְט פוּן רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ״ל וָואס עֶר גֵייט אִים צָאלְן פַאר שַׁדְכָנוּת, אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט. הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע אַלֵיין גֶעזָאגְט, ״וֶוען דוּ וֶועסְט גֶעבּוֹירְן אַ זוּן, אוּן מַיין טָאכְטֶער אָדְל וֶועט גֶעבּוֹירְן אַ טָאכְטֶער, וֶועלְן מִיר זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין, אוּן דָאס וֶועט זַיין פַאר מִיר פַאר שַׁדְכָנוּת״.

הָאט רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ״ל זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, ״אָבֶּער אִיךְ בִּין דָאךְ אַ גְרוֹיסֶער יַחְסָן? אִיךְ הָאבּ אַ יִחוּס בִּיז דָוִד הַמֶלֶךְ״, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע אַרוֹיסְגֶענוּמֶען זַיין יִחוּס בְּרִיוו אוּן גֶעוִויזְן אַז עֶר אִיז אוֹיךְ אַ יַחְסָן, עֶר הָאט אִים גֶעוִויזְן זַיין יִחוּס בִּיז דָוִד הַמֶלֶךְ.

פָאְרזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי״ה



>>>>>>

הָאט דֶערְצֵיילְט, אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, אוּן אַ מֶענְטְשׁ הָאט מִיר בַּאגֶעגְנְט אוּן מִיךְ גֶעפְרֶעגְט אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא: ׳פַארְוָואס זֶעעֶן מִיר אַז אַסַאךְ עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן הָאבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער?׳ ״אָמַרְתִּי לוֹ: בְּנִי, מִפְּנֵי שֶׁהַקָבָּ״ה אוֹהֵב אוֹתָם אַהֲבָה גְמוּרָה וְשָׂמֵחַ בָּהֶן, לְפִיכָךְ מְצָרְפָם כְּדֵי שֶׁיִּרְבּוּ רַחֲמִים לְפָנָיו״, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ, אוּן עֶר פְרֵייט זִיךְ מִיט זֵיי, מַאכְט עֶר אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן גְלַייךְ קִינְדֶער, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״וְאָמַר לִי: רַבִּי, לֹא כֵן הוּא, אֶלָא מִפְּנֵי שֶׁיֵּשׁ לָהֶם טִינָא בִּלְבָבָם, וְנוֹשְׂאִין הַרְבֵּה נָשִׁים שֶׁלֹּא לְשֵׁם פְּרִיָה וּרְבִיָּה״, הָאט דֶער מֶענְטְשׁ מִיר גֶעזָאגְט: עֶס אִיז נִישְׁט וֶועגְן דֶעם, נָאר עֶס אִיז וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי פַיינְט, ווִיבַּאלְד זֵיי הָאבְּן נִישְׁט חֲתוּנָה לְשֵׁם שָׁמַיִם וְכוּ׳, ״וְאָמַרְתִּי לוֹ: בְּנִי, הַרְבֵּה בַּעֲלֵי בָּתִּים יֵשׁ לָנוּ וַחֲמוּדִים הֵם, וְאֵין לָהֶם אֶלָּא אִשָּׁה אַחַת, וְאַף עַל פִּי כֵן הֵן נֶעֱצָרִים עַל בָּנִים מִהְיוֹת לָהֶם״, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, עֶס אִיז דָא אַסַאךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס הָאבְּן חֲתוּנָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס וֶועגְן, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם וַוארְטְן זֵיי נָאךְ אוֹיף קִינְדֶער, ״וְתֵדַע לְךָ שֶׁכֵּן הוּא, צֵא וּלְמַד מֵאַבְרָהָם אָבִינוּ וְשָׂרָה אִמֵּנוּ שֶׁהָיוּ עֲקָרִים שִׁבְעִים שָׁנָה וְחָמֵשׁ שָׁנִים, וְהִרְבּוּ רַחֲמִים עַד שֶׁבָּא יִצְחָק וְשִׂמְּחוּ בּוֹ״, אַ רְאָיָה הָאסְטוּ - זָאגְט אֵלִיָּהוּ הַנָבִיא - פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אוּן שָׂרָה אִמֵּנוּ, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעוַוארְט לַאנְגֶע יָארְן פַאר קִינְדֶער, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעבּוֹירְן יִצְחָק, ״וְכֵן צֵא וּלְמַד מִן יִצְחָק וְרִבְקָה שֶׁהָיוּ עֲקָרִים עֶשְׂרִים שָׁנָה, וְהִרְבּוּ רַחֲמִים עַד שֶׁבָּא יַעֲקֹב וְשִׂמְּחוּ בּוֹ״, נָאךְ אַ רְאָיָה הָאסְטוּ פוּן יִצְחָק אוּן רִבְקָה, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעוַוארְט אַסַאךְ יָארְן אוֹיף קִינְדֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדַאוְונְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעבּוֹירְן יַעֲקֹב, ״וְכֵן צֵא וּלְמַד מֵרָחֵל שֶׁהָיְתָה עֲקָרָה אַרְבַּע עֶשְׂרֵה שָׁנָה מִשְּׁנֵי יְלָדִים, וְהִרְבְּתָה רַחֲמִים עַד שֶׁבָּאוּ שְׁנֵיהֶם לָהּ וְשָׂמְחָה בָּהֶן״, נָאךְ זֶעט מֶען בַּיי רָחֵל וָואס זִי הָאט גֶעוַוארְט אַסַאךְ יָארְן אוֹיף קִינְדֶער, אוּן זִי הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז זִי אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן אוּן גֶעבּוֹירְן אִירֶע צְוֵויי קִינְדֶער, ״וְכֵן צֵא וּלְמַד מֵחַנָּה שֶׁהָיְתָה עֲקָרָה תְּשַׁע עֶשְׂרֵה שָׁנָה וְשִׁשָּׁה חֳדָשִׁים, וְהִרְבְּתָה רַחֲמִים עַד שֶׁבָּא שְׁמוּאֵל לָהּ וְשָׂמְחָה בּוֹ״, אוּן אוֹיךְ זֶעט מֶען בַּיי חַנָּה - דִי מַאמֶע פוּן שְׁמוּאֵל הַנָבִיא - וָואס זִי הָאט אוֹיךְ גֶעוַוארְט אַסַאךְ יָארְן אוֹיף קִינְדֶער, אוּן זִי הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז זִי אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן אוּן גֶעבּוֹירְן שְׁמוּאֵל הַנָבִיא, ״אֶלָּא עַל כָּרְחֲךָ צָרִיךְ אַתָּה לִתְפּוֹס בְּיָדְךָ מִידָּה הָרִאשׁוֹנָה שֶׁאָמַרְתִּי לְךָ מִתְּחִלָּה, מִפְּנֵי שֶׁהַקָבָּ״ה אוֹהֵב אוֹתָם אַהֲבָה גְמוּרָה וְשָׂמֵחַ בָּהֶן, לְפִיכָךְ מְצָרְפָן כְּדֵי שֶׁיִּרְבּוּ בְּרַחֲמִים לְפָנָיו״; זֶעט מֶען פוּן דָא - פִירְט אוֹיס אֵלִיָּהוּ הַנָבִיא - אַז דָאס וָואס מֶען זֶעט אַז אַ מֶענְטְשׁ וַוארְט לַאנְג אוֹיף קִינְדֶער, אִיז וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט צוּ הֶערְן זֵייעֶר קוֹל, אַז מֶען בֶּעט אִים.

אִיךְ וֵויס אַז דוּ הַאלְטְסְט עֶס שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס, אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעמֵיינְט אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין הָאבְּן אַ קִינְד; בִּפְרַט אַז דוּ הָאסְט גֶעטוּן סְגוּלוֹת וָואס צַדִיקִים הָאבְּן צוּגֶעזָאגְט, אוּן בִּפְרַט אַז דוּ בִּיסְט גֶעפָארְן קַיין מִירוֹן צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, אַזוֹי אוֹיךְ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דוּ פְרֶעגְסְט ׳וואוּ אִיז מַיין קִינְד?׳

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז מֶען דַארְף אוֹיסְוַוארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה, אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער; דוּ הָאבּ נָאר סַבְלָנוּת אוּן נָאר וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען זֶעט אִין דִי תּוֹרָה אַז לֵאָה הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט יַעֲקֹב אָבִינוּ אוּן גֶעהַאט דִי מֶערְסְטֶע קִינְדֶער מִיט יַעֲקֹב - מֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע וַוייבֶּער, וַוייל זִי הָאט גֶעבֶּעטְן אוּן אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כט, יז): ״וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת״, פוּן אַסַאךְ וֵויינֶען.

דָאס וָואס דוּ בֶּעטְסְט מִיר אַז דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבּ זָאלְסְט קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צִי נִישְׁט, אוּן דוּ וִוילְסְט אַן עֵצָה; וָואס אִיז בִּכְלַל דִי שְׁאֵלָה, וֶוער דֶען - אוֹיבּ נִישְׁט דוּ - דַארְף קוּמֶען אוֹיף אוּמַאן צוּם רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה; רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִשְׁפָּט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט זַיין מִיט אִים דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ אַלֶעס וָואס וֶועט פַּאסִירְן מִיטְן מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶוענֶען: ״בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן, וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן, כַּמָה יַעַבְרוּן וְכַמָה יִבָּרֵאוּן, מִי יִחְיֶה וּמִי יָמוּת, מִי בְקִצּוֹ וּמִי לֹא בְקִצּוֹ, מִי בָאֵשׁ וּמִי בַמַּיִם, מִי בַחֶרֶב וּמִי בָרָעָב, מִי בָרַעַשׁ וּמִי בַמַּגֵּפָה; נָאכְמֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תסו) אַז וֶוען דֶער חַזָן זָאגְט מִי, וּמִי, וּמִי, דָארְט אִיז

<<<<<<

>>>>>>

מְרוּמָז אַלֶעס וָואס עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אִינֶעם פִּיוּט פּוּן וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף; פְּרֶעג אִיךְ דִיר, אַז מִיר הָאבְּן אַ צַדִּיק פּוּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק וָואס הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים, אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט וָואס עֶר קֶען – וָואס אִיז בִּכְלַל דִי סָפֵק?! אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שֵׂכֶל קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, נָאר עֶר פָּארְט צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אִיךְ פְּרֶעג דִיר, אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה – שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבַּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ, תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי"; דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה. נִישְׁט נָאר אִיר – מַיינֶע תַּלְמִידִים – זֶענְט אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל, וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה – אִישׁ לֹא יֵעָדֵר, כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה. וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו – יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ. וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד "אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַּקִּים, כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם", וְזֶה נֶאֱמַר עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶס אִיז מִיר אַ ווּאוּנְדֶער, פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס קוּמְט צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דִי אַלֶע טוֹיזְנְטֶער אִידְן וָואס קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, קֵיינֶער קוּמְט נִישְׁט גְרִינְגֶערְהֵייט, נָאר יֶעדֶער אֵיינֶער קוּמְט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ; נָאר וָואס דֶען, אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען, קוּמְט מֶען אָן קַיין קַשְׁיוֹת.

עַתָּה לְכִי אִיעָצֵךְ נָא עֵצָה, וּמַלְּטִי אֶת נַפְשֵׁךְ; קוֹיף דִיר אַ טִיקֶעט אוּן קוּם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט זַיין אִין אוּמַאן זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען קַיין צַייט מִיט שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים. גֵיי נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם, אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, אִין אוּמַאן אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ טוּן – חוּץ פּוּן זִיצְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ בֶּעטְן פַאר אַ גוּט יָאר; אַ יָאר מִיט בְּרָכוֹת, אַ יָאר מִיט יְשׁוּעוֹת אוּן אַ יָאר מִיט אַלֶעס גוּטְס. ר' אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן: "בַּיים צִיּוּן, אוֹיבּ מֶען עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ, קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֶלְ'ן"; זַייְ בַּיים צִיּוּן אוּן בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא מִיט אַלֶע אִידְן וָואס וַוארְטְן אוֹיף זֵייעֶר יְשׁוּעָה.

אַוַדַּאי אִין אָנְהֵייבּ אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער אַז מֶען אִיז אַן עַקְשָׁן אוּן מֶען לָאזְט נִישְׁט אָפּ דִי זַאךְ פּוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אֲפִילּוּ מֶען שְׁפִּירְט גָארְנִישְׁט, אַדְּרַבָּה – מֶען שְׁפִּירְט וִוי קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט, אָבֶּער אַז מֶען עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ, אוּן מֶען גֵייט יֶעדְן טָאג אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים; מֶען שְׁפִּירְט אַ קִרְבַת אֱלֹקִים, וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אוֹיף דֶעם (תְּהִלִּים עג, כח): "וַאֲנִי קִרְבַת אֱלֹקִים לִי טוֹב", וֶוען אִיךְ שְׁפִּיר אַ נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מִיר גוּט; אִיךְ דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט.

מוֹהֲרַ"שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז מֶען פְלֶעגְט הֶערְן וִוי עֶר זָאגְט תְּהִלִּים מִיט אַזַא זִיסְקֵייט; אֵיינְמָאל הָאט מֶען גֶעהֶערְט וִוי עֶר זָאגְט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים עג, כה): "מִי לִי בַשָּׁמָיִם, וְעִמְּךָ – לֹא חָפַצְתִּי בָאָרֶץ", הָאט עֶר אַזוֹי גֶעזָאגְט: "מִי לִי בַשָּׁמָיִם" וֶועם הָאבּ אִיךְ אִין הִימְל – אַלֶע זֶענֶען אַנְקֶעגְן מִיר, אָבֶּער "וְעִמְּךָ", אַז אִיךְ הָאבּ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "לֹא חָפַצְתִּי בָאָרֶץ", דַארְף אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם; הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען מִיט אַ בֶּענְקְשַׁאפְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַארְף נִישְׁט דַיין עוֹלָם הַזֶּה, אִיךְ דַארְף נִישְׁט דַיין עוֹלָם הַבָּא, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם – נָאר דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין". צוּ דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ צוּקוּמֶען – אַז עֶר זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט דַארְפְן אוּן גָארְנִישְׁט וֶועלְן, אוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין, נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן, אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

BreslevCenter.com\answers

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## פילע אנשי שלומינו הויבן אן תלמוד ירושלמי

ווי געמאלדען הויבט מען אן דעם שבת קודש פ' עקב א פרישער מחזור אין תלמוד ירושלמי. אנשי שלומינו נוצן אויס די ספעציעלע געלעגנהייט און כאפן זיך מיט מיט'ן באן, יעדן טאג צו לערנען א דף גמרא ירושלמי, אויסער די אנדערע שיעורים וואס יעדער לערנט, און מיט דעם גרייט מען זיך צו א געשמאקע הויז אויף יענע וועלט.

דער ראש ישיבה שליט"א וועט אי"ה פארלערנען יעדן טאג דעם דף ירושלמי בטוב טעם ודעת, און עס וועט אי"ה ווערן ארויפגעלייגט יעדן טאג אויפ'ן טעלעפאן ליין, אויף נומער 2 און דערנאך 9.

**והאור, זה תלמוד ירושלמי!**

***

## בחורים לערנען 40 מאל מסכת תענית ביז ראש השנה

אין די יעצטיגע טעג טוט זיך אויף טישן און אויף בענק אין ישיבה, די בחורים זענען צוגענאגלט צו די בענקלעך, און די אויגן צוגעבינדען צו א גמרא מסכת תענית, זיי לערנען פלייסיג מיט חשק, און ענדיגן יעדן טאג נאכאמאל גאנץ מסכת תענית.

אין יאר תשע"א, אום חמשה עשר באב, איז מוהרא"ש געקומען אין קעמפ און געזאגט פאר די בחורים אז אלע בחורים פון זיבעצן יאר און העכער וואס וועלן ענדיגן יעדן טאג מסכת תענית אין די פערציג טעג פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, וועלן אי"ה טרעפן זייער שידוך גלייך נאך ראש השנה. פארשטייט זיך אז די בחורים האבן זיך צוגעכאפט דערצו, און געענדיגט פערציג מאל מסכת תענית ביז ראש השנה.

צדיק גוזר והקב"ה מקיים, גלייך נאך ראש השנה האבן אנגעהויבן ווערן חתנים אין ישיבה, און אין לויף פונעם ווינטער זמן תשע"ב, האבן אלע בחורים געטראפן זייער שידוך, זיי האבן ב"ה שיין חתונה געהאט און אויפגעשטעלט ערליכע אידישע שטיבער לשם ולתפארת.

די פארגאנגענע וואך, חמשה עשר באב, האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די בחורים אז דאס יאר וועט מען דאס נאכאמאל טון. אלע בחורים העכער זיבעצן יאר וועלן לערנען יעדן טאג גאנץ מסכת תענית, אין די פערציג טעג ביז ראש השנה.

"גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהן", א צדיק אויף יענע וועלט האט ער נאך א גרעסערער כח, און מוהרא"ש וועט זיכער אויס'פועל'ן פאר די אלע בחורים אז זיי זאלן טרעפן זייערע באשערטע בקרוב ובניקל.

די בחורים האבן זיך גאר שטארק צוגעכאפט דערצו, און ווען מען קומט אריין אין בית המדרש איז נישטא מיט וועמען צו רעדן, ווייל יעדער איז פארנומען מיט די הייליגע גמרא, אלע בחורים ענדיגן יעדן טאג גאנץ מסכת תענית.

**אין שמחה כשמחת התורה!**

***

## פארשריט ביים נייעם בנין אין אומאן

די בוי ארבעט ביים נייעם בנין אין אומאן הערט זיך נישט אויף, יעצט ארבעט מען אויף די סוער און די פלאמבינג, ווי אויך לייגט מען יעצט אראפ די טיילס אויף גרויסע חלקים פונעם בנין, אריינגערעכנט אין די מקוה. אויך איז די וואך אנגעקומען א גרויסע שיפמענט פון נייע בעטן.

פארשטייט זיך אז די אלע זאכן קאסטן אפ שווערער געלטער, אנשי שלומינו שטרענגען זיך אן מיט אלע כוחות צושטייער צו געבן פאר'ן בנין יותר מכפי יכולתם, אזוי ווי רבי נתן האט געזאגט, "איך האב געבויעט די קלויז אין אומאן מיט די רצונות פון די ארעמעלייט, נישט מיט די געלט פון די עשירים".

דער ראש ישיבה שליט"א האט געבעטן פון יעדן איינעם ווער ס'האט א ווארעם און א געפיל צו אזא הייליג פלאץ אין אומאן, זאל זיך אנשטרענגען ארויסצוהעלפן מיט די גאר גרויסע קאסטן. מ'קען איבערגעבן דאס געלט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א.

**השלם זה הבנין!**


## אומאן ראש השנה!

אלע אייערע געברויכן פאר אומאן
עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס;
באסעס פון קיוב קיין אומאן און צוריק; און נאך
~ בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס ~

אייער פריינד
אלי קנאלל

Plan it Rite
718-506-4341 Travel the right way

## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש "אשר בנחל" וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג

**347-509-4908**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך > 212-444-9191 /**
845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**


הגליון נתנדב לזכות יחזקאל בן רחל פיגא, וזו' הענדיל בת שיינדל, ובנם נחמן נתן